דער דיבוק אין דרויע

– אַ דערציילונג –

געווידמעט מיט ליבשאַפט: שלמה (סידני) קאָראָב, איש לאָנדאָן
בן ר' וואָלף קאָראָב איש דרויע

פון הירשע=דוד מעינקעס (כ"ץ)

אַלע יאָר איז אין לעצטן מאָנטיק וואָס אין אדר קיין דרויע אַריינגעפאָרן אַ פּאַקנטרעגער פאַרקויפן ביכלעך. טאָמער אַן עיבור=יאָר איז דאָס געווען אין אדר. אָקוראַט ווי דער מהלך פון די שטערן מיט די מזלות.

שוין אויפדערנאָכט זונטיק ט'מען זיך אין דרויע געזאָרגט, צי האָט מען ניט פאַרשפּעטיקט מיט די שטוביקע צוגרייטעניש צו פּסח. פאַרוואָר, שפּעטער=צו דינסטיק נאָכן פּאַקנטרעגער, האָט מען גענומען שייערן די פּאַדלאָגעס און אָפּקאַלכן די סטעליעס. "די באַלקנס מיט די בריקן", אַזוי'עט עס דאָרטן געהייסן. "נאָכן פּאַקנטרעגער" האָט זיך אין דרויע שיער ניט אַ טאָג אין לוח גערעכנט. דער דינסטיק, וואָס נאָכן לעצטן מאָנטיק אין אדר.

אָדאָס איז דרויע וואָס אין ווייטן לאַנד פון צפון, אָדאָרטן וואו די דרואיקע פאַלט אַריינעט אין דער דווינע. דאָס איז דאָך די דווינע וואָס טראָגט ווייטער אַוועקעט אירע וואַסערן ביזקל אין ים הגדול אַריין.

דער וואָגן וואָס ביים פּאַקנטרעגער איז אויכעט געווען אַ מאָדנער, אַ שמאָלער, העכער איידער אַזוי=אַ=וואָגן. די לייטערס אָן די זייטן האָבן אַרויסגעשטאַרצט אַרויפּצוצו ווי די פּאַרקאַנעס אַרום אַ פעלד מיט בעק. די דוהע איז געווען אויסגעלענגט ווי אַן איי, ניט קיין רונד=קיילעכדיקע. קיין דרויע איז ער אָנגעקומען מיטן אַלטן וועגל וואָס דרייט זיך ווי אַ רעגן=ווערימל דורך די אַנטאָנאָווסקער וועלדער, און איז אַריינגעפאָרן אויפן לאַנגן הילצערנעם בריק וואָס פירט שיער ניט ביז דער טיר פון דער גרויסער שוהל.

דער פּאַקנטרעגער אַליין איז אויך ניט געווען קיין איד פון אַ גאַנץ יאָר. די אויגנברעמען ביי אים האָבן אַלכסונדיק=אַרויפּצוצו געשאַרפט, ווי מעסערס פון שיפּס=רויבער, שיער ניט איינצושניידן אין די שלייפן. די באָרד ט'ער זיך אָפּגעגאָלט ווי ביי אַ פּראָסטן גוי. די שאַרפע באַקן האָבן ביינערדיק איינגעשפּיזט אינדערלופטן. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַלטער צוגעלאַטעטער טראָיקע אַן אָנצוג, אַ ברוינע מיט דינינקע שוואַרצע פּאַסיקלעך. נאָר זיין היטל איז געווען ווי ביי לייטן, "אַ ליטווישע היטל" מיט אַ הויכער קאַפּוזע און אַ ברייטן קאַזיריק.

ט'מען אים אויפסניי געהייסן אַ זאָג טאָן ווי מ'רופט אים, האָט ער אָפּגעענטפערט מיט איין פּזמון מערניט.

"מיר ווי מ'רופט? מאָנטעפיאָרע רופט מען מיר!"

אויף מאָנטעפיאָרען ט'מען געוואַרט ווי אויפן לינדן וואָס לעבט זיך אויף אַלע יאָר דער ערשטער, נאָכן לאַנגן ליטווישן ווינטער.

ווער איז דאָס דער איד "מאָנטעפיאָרע", דאָס'ט קיינער ניט געוואוסט. לויטן ווייכן ריש, געווען איז דאָס מער אַ כף איידער אַ ריש, האָט דאָס געדאַרפט זיין אַ איד פון ערגעצוואו אַרום "דעם אייבערשטנס שטעט": וואָלאָזשין, מיר, סלוצק, אַלציקעדינג אין יענע מקומות, די ערי=ישיבה אין ווייטן דרום=לאַנד.

פונדעסטוועגן איז דאָס קיין אַמאָליקער ישיבה=בחור אַפּנים ניט געווען.

די דרויער, וואָס האָבן קיין באַזונדערע גרויסע שייכות מיט מרחקים ניט געהאַט, האָבן האָלט געהאַט ביים פּאַקנטרעגער אַ פרעג טאָן וואָס טוט זיך אויף דער ברייטער וועלט. נאָר קיין זיידענער איד איז דער פּאַקנטרעגער מאָנטעפיאָרע ניט געווען. האָט ער זיי, די דרויער קלאָץ=קשיאַניקעס, גלאַט גענומען אויסלאַכן. ווער זיינען זיי, די קליינשטעטלדיקע מענטשעלעך אַקעגן אָט אַזאַ מין מאָנטעפיאָרע. אָן רחמנות האָט ער זיי אָפּגעזידלט מיט זייער אייגענער פּראַגע, ווי עס קען נאָר אַ האַרטער, קאַלטער ליטוואַק, וואָס 'עט אַפילו ניט שאַנעווען זיינע אייגענע געטרייע קונים.

"בעסער וועגן דרויע פרעגט וואָס מ'זאָגט, אַ! 'ווי אַ ראָד אין דרויע דרייט ער זיך'. אָט אַזוי זאָגט מען וועגן אייך!"

האָט מען ביי אים פאָרט געפּרואווט אויספּועלן אַ גרוס פון דער עלמא רחיבא, האָט ער זיי נאָכמער גענומען פאַרגיסן די בלוט. וואָס אַ ליטוואַק קען. ער האָט זיי פאַרטשעפּעט איבערן שאַרפן דרויער ריש און זיי צוגעוואָרפן אויף אַ צולאָג אַ קאַפּ סבתדיקע צאָלנט צום סידור.

"פון דררויע אין דרריסע איז דררי און דררייסיק וויאָררסט. אַזשעי=זשע זשאָגט מען".

האָט מען אים ניט אָפּגעלאָזן, ט'ער גאַנץ דרויע צוגלייך געמאַכט מיט די ווערסנעדיקע בלאָטעס. שוין ווייטער מיטן רריש.

"וואָס קלענער די שטעטל, אַלץ שאַרפער דער ריש! אַז פון דררויע ביז דרריסע טרראָגט אַ פיקס אַ ביקס אין פּיסקן!"

וואָס אַן אמת, האָבן אַפילו די אַריינזאָגעניש פאַר די בני=דרויע אַ שמייכל אויפן פּנים אַרויפגעבראַכט. אין טעאַטער קומט מען דאָך לאַכן, ניט שייך אַז דעם עולם דעם באַצאָלנדיקן גייט מען גאָר אויסלאַכן. און דאָ איז נאָך בעסער, ניט מ'גייט אין טעאַטער, נאָר דער מייסטער אַרטיסט קומט אויף אייגענע הוצאות צו פאָרן אין שטאָט אַריין, און פאַרקויפט נאָך שיינע ביכלעך פון יענער זייט סמבטיון.

פונדעסטוועגן האָט אימיצער פון די דרויער זיך אַלע יאָר פאָרט אָנגענומען פאַרן כבוד פון זיין שטאָט. איינער אַ איד האָט דעם פּאַקנטרעגער דערמאָנט אַז דרויע איז ניט סתם אַזוי אַ העק. "זאָל נאָר איין האָן אַ קריי טאָן אין דרויע, ט'מען אים דערהערן אין גאַנצע פיר גובערניעס: ווילנער, קאָוונער, וויטעבסקער און קורלענדער!" אַז דרויע געפינט זיך אָדאָרטן וואו די פיר גובערניעס טרעפן זיך. איז דאָס דעם פּאַקנטרעגער געווען ווייניק, האָט אים אַ צווייטער איד שוין מער אידישלעך אַריינגעזאָגט: "דאָ אין דרויע שטייט ר' לייבע=עוזרס ארון קודש אין דער גרויסער שוהל, מיטן גרויסן אָדלער מיט די צוויי קעפּ, ס'איז דער שענסטער ארון קודש רונד אַרום, ס'האָט אַ שם אַזש ביים קיסר".

אַפּדערוף האָט דער פּאַקנטרעגער צוגעשוויגן, אַ סימן אַז דער יאָר=איין יאָר=אויסיקער שמועס איז אויס. געקומען די צייט אַריינקוקן אין די ביכלעך.

אַלציקעדינג ט'מען צעכאַפּט. וואָס, זיך אַליין 'עט מען זשאַלעווען אַ קאַפּ פרייד דאָ אויף דער וועלט?

איינס און צוויי אויספאַרקויפט די גאַנצע סחורה האָט מאָנטעפיאָרע דעם פערד זיינעם דעם גניאַדער אויסגעשפּאַנט אין שטאַל וואָס אויפן הויף ביי נתן=נטע דעם איינבינדער. ער האָט ביי נאָטל דעם איינבינדער אויך געהאַט נאַכטלעגער. אין די "סוחרישע טובות" איז גאָרניט געווען שווער זיך פאַנאַנדערצופלאָנטערן. די אַלע ביכעלעך זיינען געווען אָן טאָוולען. ווער ס'האָט געוועלט, אַ ביכעלע פונעם פּאַקנטרעגער זאָל ניט צעברעקלט ווערן אויף פּיץ=פּיצלעך, און אָפּגערעדט שוין, אַז מ'האָט געוועלט אַ מתנה געבן אַ ביכעלע, האָט מען עס אַלציקעדינג אַריינגעטראָגן דעם איינבינדער. געוואוסט האָט מען ניט, נאָר די דרויער האָבן זיך משער געווען אַז דער איינבינדער ווייס נאָכמער וועגן דעם טשיקאַווון פּאַקנטרעגער מאָנטעפיאָרע.

צומאָרגנס האָט מאָנטעפיאָרע אָנגעטריבן דעם פערד זיינעם אין וואַלד אַוועק. וואו ט'ער נעמען נייע ביכעלעך אויף אַנדערע מקומות, דאָס האָט געוואוסט איין מלך מלכי המלכים און ווייטער קיינער. נאָר טאָמער האָט נאָטל דער איינבינדער יע געוואוסט, ט'ער פּתח=שין=שאַ אַ שווייג געטאָן.

גלאַט אַזוי פּאַקנטרעגער האָבן ניט אויסגעפּעלט, ווער פון פּאָלאָצק, ווער אַ גלובאָקער. ביי זיי איז געווען רומ"ל, מוסר, חיי=אדמס, קימפּעט=צעטעלעך, שיר=המעלותן און פּיצינקע ביכעלעך מיט מעשיות פון פּרינצן און בת=מלכהס, פירשטן און ריטערלעכע קאַרעטן.

די אַלע מעשיות ט'מען געוואוסט. אַ מעשה וואָס מ'ווייס, האָט ניט קיין זין קויפן אַ ביכעלע אויסלייענען נאָכאַמאָל.



דרויע אַמאָל

נאָר איין מאָנטעפיאָרע האָט ריכטיקע סחורה געבראַכט צו טראָגן מיטן מאָדנעם וואָגן זיינעם. דאָס זיינען געווען ביכעלעך וואָס מ'האָט געדרוקט אין פּוילן. אין ריכטיקן פּוילן העט ווייט. "וואַרשאַ", "לובלין" און אפשר אַמאָל "פּיעטרקוב" האָט אַ דרויער געקענט ווייסן אַז ס'איז דאָ אויף דער וועלט ערגעץ הינטער די הרי חושך. די דרויער האָבן זיך אָבער גראַדע פאַרליבט אין ביכלעך וואו אויפן שער=בלאַט שטייען גלאַט נעמען פון דער הפטורה, חנעוודיקע און אַזעטקענע וואָס וואַרעמען גלייך אָנעט אַ אידישע האַרץ: פּשעמישיל, בילגורייא, בענדין, טאַרנאָפּאָל. ביכלעך מיט וואונדער=מעשהלעך פון רביים און צדיקים, נסים ונפלאות, הימל און ערד. שוין פון לשון גופא ט'מען אַ גרויסע הנאה געהאַט.

אַז מ'האָט די וואונדריירים אויסגעלייענט, האָט מען אין שטוב געהאַט מיט וואָס צו פרייען זיך ביז אויף איבעראַיאָר פּסח. "געלט קען מען צוגנבענען, אַ שיינע מעשה איז פון פּסח ביז פּסח", אַזוי'ט מען אין דרויע געטאָן זאָגן. דער דרויער רב האָט אָבער פאַרשטאַנען אַז ביים רב פּאַסט עס מער מליצהדיק זאָגן, האָט ער עס פאַרקייקלט אין "סוף כסף גניבה, וסיפור המעשה יסופר". דאָס פלעגט ער אַריינוועבן אין זיין פּורימדיקער דרשה, דער דרויער רב, ר' צבי הירש חדש. דערביי האָט ער קונציק אַן אָנצוהערעניש געגעבן אַפּדערוף, אַז ס'רוקן זיך צו ימי הפּאַקנטרעגער, און במילא אַן אָנצוהערעניש אַז עס רוקן זיך צו די לינדע טעג פונעם פרילינג און אַ נייער צעטל מיט יום=טובים וואָס טראָגן אַריין פרייד אין האַרצן ביי אַ אידן.

ניט אַלע דרויער זיינען געווען מתנגדים. געווען אויך אַ שפּאָר ביסל חב"דניקעס און אַ אַביסל קאַרלינער. נאָר וואָדען, אַקעגן יענע חסידים פון פּוילן דאָרטן, פון די מעשה=ביכלעך פונעם פּאַקנטרעגער מאָנטעפיאָרע, זיינען אַלע דרויער געווען ליטוואַקעס ווי ר' חיים וואָלאָזשינער מיטן נצי"ב פאַראייינוועגס.

אין איין ביכל איז געשטאַנען אַז אַ צדיק, אַז ער האָט אָפּגעראַטעוועט אַ שטאָט מיט אידן דורך אַן אַמאָליקן אידן אַ מת וואָס איז אַוועק אין סאָלדאַטן און האָט אויף יענער וועלט באַגערט תשובה טאָן. ווייטער אַ רבינס אַ קמיע וואָס האָט אַ מגיפה צוריקגערופן. דאָס איז אַלציקעדינג געווען מערניט פאַרשפּייז. אומעטום איז מען דערגאַנגען ניט מער און ניט ווייניקער, ביז צום דיבוק. חושך מצרים און קולות מיט יללות. ביז וואַנענט די פּני פון דער חסידאַרניע זיינען ניט אָנגעקומען מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג: קמיעות, ליכט, שופרות, קיטלען און וואָס נאָר ס'איז ביי זיי געווען פאַרבאַהאַלטן. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק האָט זיך אַריינגעכאַפּט ביי אַ בתולה אַ זינדיקער דיבוק, גערעדט ניט מיט איר קול. דאָ מיט אַ קול פון אַ רשע=מרושע, דאָ מיטן קול פון אַ באַעוולטן חתן וואָס איז פון לאַנג אַ תושב אויף דער אמתער וועלט. און אַנדערשוואו ווידער מיט די תרעומות פון עפּעס אַ אידן, וואָס דער מיידלס נעבעך אַן אור=עלטערזיידע האָט אים ערגעץ אין די ששת ימי בראשית אָפּגעטאָן אַן עוולה.

אָט האָט איר די אַנדערע טעג יום=טוב: דער דיבוק פאַרשלעפּערט די מיידל, רחמנא לצלן, ווי אַן עופעלע אין וויגעלע. און שוין זשע ווידער דרודלט ער איר אָן, זי זאָל בייטאָג ווי אַ הונט האַווקען, און ביינאַכט וואָיען ווי אַ וועלפיכע טיף אין אַן איינזאַמען וואַלד. דאָ ליגט זי אין שטום=שטומען הינערפּלעט און שוין=זשע שיסט זי אין אַלע זייטן מיט אַזעטקענע קללות וואָס מ'עט אומזיסט גיין אַ זוך טאָן אין דער תוכחה.

אין איין ביכעלע האָט מען מיט אַלע איינצלהייטן דערציילט, ווי אַזוי ר' אהרן טשערנאָבלער מיט די שמשים זיינע האָבן מיט דריי שופרות פאַרטריבן אַן=עקשן=אַ=דיבוק. אויף איבעראַיאָר האָבן מאָנטעפיאָרעס ביכעלעך געגעבן צו ווייסן אַז ר' וועלוול מזשיטאָמיר האָט אינגאַנצן אָן אַ שמש, מיט אַן איינאיינציקן שופרל, גאַנצע צוויי דיבוקים בבת אחת פאַרטריבן. ווייטער ביז איבעראַיאָר דערלעבט, איז מען געוואָר געוואָרן אַז ר' שמעלקע ניקאָלסבורגער האָט ביים אַרויסטרייבן דריי דיבוקים זייערע נשמות גאָר בעת=מעשה מתקן געווען, זאַלבעדריט ט'ער זיי פאַר הוילע למד=וואָוניקעס געמאַכט.

דאָס אַלציקעדינג האָט שמחה וששון לבני דרויע געבראַכט.

אַ בחור האָט זיין באַשערטע משמח געווען מיטן אויסלייענען פאַר איר אַ "ווינדערליכע מעשה" פון מאָנטעפיאָרעס אַ ביכל, נאָכער האָט ער עס געלאָזן איינבינדן ביי נאָטל דעם איינבינדער און איר אַוועקגעגעבן אַ מתנה. און אַז אַ קינד האָט זיך צעוויינט האָט די מאַמע די טרערן אין קייכעניש פון געלעכטער פאַרוואַנדלט מיטן נאָכמאַכן וואָס ס'שטייט אין די ביכלעך געשריבן, דערצו נאָך מיטן פּויליש אידישן לשון וואָס האָט געקענט אין דער ליטע מאַכן אַ בעל=עצבות פאַר אַ לאַכער ממש.

אויף דער שטעטלשער פּורים=שפּיל איז מען פון נאָענטן און פון ווייטן אין דרויע אַריינגעפאָרן. וואָרהאַפטיק, אַ קאַרגן יאָר האָט מען אויף דעריין געאַרבעט, פון דער רגע ווען מ'האָט צעכאַפּט די ביכלעך ביים פּאַקנטרעגער ביז אויף איבעראַיאָר פּורים.

און די פּורים=שפּילן האָבן דעם עולם גאָרניט אַנטוישט. אַ אינגל האָט זיך אָנגעמלבושט פאַר אַ כלה=מויד, זיך אויסגעשפּרייט אַ געהרגעטער אויף אַ באַנק און געפּאָפּט. פּלוצלונג ט'ער זיך אַ כאַפּ=אויף געטאָן, גענומען שרייען מיט אַ שטימע פון יענער וועלט, פּאַמעלינקערהייט געמאַכט העוויות אינדערלופטן מיט הענט ווי בלאָנדזשענדיקע שלאַנגען. בשעת מעשה ט'ער נישקשה אויסגעזידלט די בכבודיקע דרויער, אויסגערעכנט אויף אַ גאָר שוואַך פאַרשטעלטן אופן זייערע חטאים. האָץ=קלאָץ=בוידים האָבן גענומען אַריינמאַרשירן "חסידים" מיט לאַנגע ווייסע זאָקן וואָס מ'האָט ביי עלטערע שוועסטער אויסגעליען, שטריימלעך צונויפגעקלעפּטע פון שטרוי מיט בלאָטע, פּאות געפלאָכטענע פון שעפּסנפעל. איבערן ליגנדיקן האָט מען אַרויפגעצויגן אַ ווייסן ליילעך.

מיט אַ כלומרשטן יראת הכבוד האָט מען שוואַרצע ליכט אָנגעצונדן. צו אויסגעהוילטע ביינדלעך האָט מען צוגעקלעפּט פאַרדרייטע פּאַפּירעלעך, ס'האָט אַ שופרל געהייסן. און אין דרויע איז פריילעך געוואָרן אַזש ווי אין שושן הבירה.

– – – תליה! טומאה! שוטים!

– – – קילאָ! טריפה! שטותים!

– – – אימה! בהלה! שקצים!

– – – פליו, פליו, פליו! די באַיזער דיבוק! יאַך, דער ווינדערליכער רבי פין די קלאַינע חסידאַרניע של מעלה אין פין די גרויסע חסידאַרניע של מטה בין אויף דיר גזלן אַז די זאָלסט אַוועק פין דאַנען! אוצאָק אין אוטשאָק! נאַזאַט! אַרויס! לך לך, פּרא אדם לארצך! אַניט וועלן מיר וואַטער קוויטשען מיטן שופר, אין מיטן גאַרטל 'עט מען דיר שמיץ דערלאַנגען! דיבוק ווער, דיבוק בער, דיבוק הער! דיבוק געשוואָלן ווער! או=או=או=מאַין!

בעת מעשה האָבן אונטערגעזונגען אַ חברה=לצים וואָס האָבן זיך פאַר משוררים געמאַכט:

– – – קוואַ. קוואַ. קוואַ.

אָבער אַ קנויל וויקלט זיך אויכעט אויס. אין איינעם אַ=לעצטן=מאָנטיק=אין=אדר (ס'איז גראַדע געווען ואדר אין עיבור=יאָר), האָט מען געוואַרט און זיך ניט דערוואַרט. ס'האָט זיך געשטעלט אַ שפּעט=ווינטערדיקער פראָסט און אַ ווינט האָט געבושעוועט. פון דיסנער זייט האָט אַראָפּגעשאָסן מיט קליינינקע אייזיקע קוילן מיט האָגל. מ'האָט דעם פּאַקנטרעגער אָפּגעוואַרט ביז שפּעט, דאָרטן ניט ווייט פון דער גרויסער שוהל, ביים לאַנגן הילצערנעם בריק וואָס פירט אין דרויע אַריינעט. אפשר פאָרט. מאַלע וואָס ס'קען זיך מאַכן אין וועג אַ סיבה.

די שקיעה האָט זיך משונה גיך אַריינגעטאָן אין אַ שטערנלאָזער חושכניש. גאַנץ דרויע האָט זיך נאָך צוגעקוקט אין זייט פון וועגל וואו עס איז אַלע יאָר אַריינגעפאָרן מאָנטעפיאָרע.

מ'האָט זיך גענומען זאַמלען אין פּאָליש פון אַלטן בית=מדרש. ניטאָ איז ניטאָ, מאַלע וואָס קען זיך מאַכן. ניט קיין יונגערמאַן און אַ גאַנץ יאָר פאָרט ער אַרומעט. דער שטעטלשער לץ האָט צוגעוואָרפן אין קעסל זיינע זיבן מאָס חכמה: "מסתמא איז אין דעם אידן אַריין אַ דיבוק!" קיין שמץ פון אַ געלעכטער האָט זיך אָבער ניט געהערט.

אין הקדש האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ מויד, "כאַנטשע די דולע" ט'מען איר גערופן. זי האָט איין זעלטענעם כח פאַרמאָגט: אַלעמאָל דערשפּירט אַז אימיצער איז אַוועקגעשטאָרבן. ביי קיין טעות ט'מען איר ניט געפּאַקט. זי איז אַרויס אינמיטן נאַכט מיט אַן אָנגעצונדענער קינעלע אין האַנט, און אויפן דרויער באַרג, הויך איבער דער דרואיקע, איר גרייזיקן קדיש געטאָן זאָגן: איסאַקאַדאַל וו'איסאַקאַדאַס סמיי ראַבאָ...

אַן אומעדיקייט האָט אַרומגעכאַפּט די דרויער. דער בייזער מלאך פון אומפאַרגינונג האָט ביי אָרנטלעכע אידן אַרויסגעכאַפּט דעם טאָלפּן מיט פרייד. מ'איז זיך צעגאַנגען ווי נאָך אַ לוויה. מ'האָט דערשפּירט אַז מער ט'מען דעם מאָנטעפיאָרען קיין לעבעדיקן ניט דערזען. ערגעץ אויפן פּאַקנטרעגערשן הימל שטייט זיך מאָנטעפיאָרע לעבן פערד זיינעם, שטייט און פאַרקויפט די ביכעלעך מיט די דיבוקימלעך, זיצט און לאַכט אויס דעם האַרטן דרויער ריש...

עס קומען די יאָרן און ס'גייען די יאָרן. קיין שום פּאַקנטרעגער איז שוין ווייטער אין דרויע ניט אַריינגעפאָרן. קיין נייע מעשה=ביכלעך מיט שער=בלעטער פון פּשעמישיל און בילגורייא האָט מען מער ניט געבראַכט צו טראָגן. די אויסגעדראָשענע פּורים=שפּילן מיט דעם דיבוק און יענעם דיבוק האָבן אָנגעוואָרן זייער אַמאָליקן חן און מ'האָט אין זיי אויך צוביסלעך פאַרגעסן. דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת.

אויפן הימל פון די דיבוקים, האָט מען אָבער אין דרויע פאָרט ניט פאַרגעסן.

"אויפן הימל פון די דיבוקים", דאָס איז פאַרשטייט זיך ניט מער ווי אַ פּראָסטלעך=מענטשלעכער אויסדרוק, לשון בני אדם. אויף אַן אמת, גייט דאָ די רייד וועגן הימל פון די פאַרוואָגלטע נשמות, וואָס זיינען אַוועק פונעם עולם התחתון צו פרי, מיט פאַרשיידענע קריוודעס און תרעומות, און מיט אומפאַרענדיקטע חשבונות לויטן שטייגער פון דעם וואָס איטלעכער בר=נש באַדאַרף אין גאַנג פון די באַשערטע יאָרן דאָ אויף דער וועלט אַדורכפירן.

אַ דיבוק האָט דאָך מעיקרא אַ קריוודע און זוכט זיך אַ נקמה. ביים לעבן קען אַ מענטש גובר=את=יצרו זיין, ביי אַ דיבוק איז עס אַ פאַרפאַלענע זאַך. דער עצם כח החיים פון דיבוק איז דער נקמה=דראַנג וואָס קען נאָר וואָר ווערן מיטן צוקלעפּן זיך צו אַ פרעמדן גוף, אַ סימן דער סאַמע לשון דיבוק.

געוויינלעך זוכט זיך אַ דיבוק אַ יורש פונעם באַוועלער, ווען דער יורש איז אַמשוואַכסטן און דער דיבוק איז מסוגל זיך אַריינכאַפּן.

די תאווה צו נקמה איז אָבער ניט פשוט אַזוי אַ זאַך פון שכל הישר. אַז ביי אַ מענטש, וואָס לעבט זיך אויסעט די באַשערטע יאָרן, קען דער נקמה=דראַנג פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ירגזון צו אַביסל אַ זייטיקן, אָדער אינגאַנצן אַ זייטיקן; איז דאָך אַפּשיטא שוין אַז ביי אַ דיבוק, וואָס אים גייט נאָר און בלויז אין אויסזוכן זיך נקמות צו אַמאָליקע קריוודעס, און ביי וועמען די נקמה איז דער גאַנצער ציל און די פאַרטשעפּעניש=פאַרקלעפּעניש איז דער איינאיינציקער אופן --- איז מען שוין ניט אַזוי שטרענג מקפּיד. ס'קען רחמנא לצלן אַריין אַ דיבוק ביי אַ זכאי בן זכאי, וועמעס אבות און אמהות האָבן דעם פאַרביסענעם דיבוק קיין שמץ רעה קיינמאָל ניט אָפּגעטאָן.

און ס'איז לאו דווקא בשגגה. פאַרקערט, די דיבוקים, זאָל מען אָפּגעהיט ווערן, זוכן זיך אויסעט דאָרטן אויפן הימל פון די דיבוקים, אַלץ נייע קריוודעס דאָ אונטן, אַבי אַן אויסרייד זיך צוצוטשעפּענען צו אימיצן און אָנמאַכן אַ צרה. שוין ביי מזיקים אַזאַ טבע. ס'איז פאַרשטייט זיך ביי זיי אַ גאַנץ נידעריקער הימל אין די ספירות און היכלות.

האָט עס אַ כאָפּטע מיט דיבוקימלעך דאָרטן שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס אין ליטווישן שטעטל דרויע, טוט מען זיי אַזוי אָפּלאַכן. חסידישע צדיקים ווייסן דען בעסער פון אַלעמען ווי אַזוי צו פאַרטרייבן פון אַ מענטשן אַזאַ מין צוטשעפּעניש. דערביי דערגרייכט אָבער אויך דער דיבוק להבדיל אַ געוויסע מדרגה, דהיינו, פאַרמעסטן זיך מיט אַ צדיק, דורכרייסן זיך מיטן צדיק, און נאָכן פאַרלירן, געניסן דערנאָכדעם פאָרט פון אַ ווייטערדיקן לעבן אויף די זייטעלעך פון די ביכעלעך וואָס דער עולם טוט אויסכאַפּן. אַ קליינינקייט פאַרמעסטן זיך מיט אַ צדיק.

אָבער דאָרטן אין דרויע, האָט אַ דיבוק געטויגט מערניט ביים מושב לצים אויף אויסצולאַכן. יאָר=איין יאָר=אויס, האָבן זיך אַ רעדל מיט דיבוקים אַראָפּגעקוקט ווי די דרויער לאַכן אַ גאַנץ יאָר פון די מעשיות מיט אַ דיבוק וואָס דער פּאַקנטרעגער ברענגט זיי צו טראָגן נאָך פּורים. לאַכן און לאַכן ביז וואַנענט זיי גייען פאַרגיסן דיבוקישע בלוט אין אַ פּורים=שפּיל פאַר אַ גאַנצער שטאָט מיט אידן. איז דאָס זיי ניט גענוג און מ'קומט צו פאָרן נאָך פון רונד אַרום אַ קוק טאָן דעם בייזוואונדער.

פונדעסטוועגן, כל=זמן מאָנטעפיאָרע דער פּאַקנטרעגער האָט געלעבט און איז מימים ימימה אַריינגעפאָרן קיין דרויע מיט די ביכלעך, האָט קיין שום דיבוק ניט געוואַגט דאָרטן אימיצן מזיק זיין. פאַרוואָס זיי האָבן פאַר אים מורא געהאַט איז שווער צו זאָגן, וועגן דעריין גייט אפשר די רייד אין פּנקס פון מקום פון וואַנענט דער פּאַקנטרעגער מאָנטעפיאָרע קומט, נאָר אַזוי ווי קיינער האָט ניט געוואוסט גענוי פון וואַנענט ער קומט, וועט דאָס אַ שווערע הלכה זיין. אַ סימן אָבער איז עס, אַז געוויסע חברה וואָס שרעקן אָפּעט אַ קאַפּ אַנדערע מענטשן, זיינען אַ סברא עלול ווען=ניט=ווען אויך אָפּשרעקן אַ דיבוק.

אַז דער מאָנטעפיאָרע איז שוין מער ניט געקומען, און איז דערצו אויף יענער וועלט אַוועק, און אַז מער קיין ביכעלעך מיט די מעשיות מיט אַ דיבוק זיינען שוין ניט אָנגעקומען, און אַז די פּורים=שפּילן אין דרויע האָבן זיך אויסגעשפּילט, און דער עיקר אַז מ'האָט שוין אין דרויע ניט געטראַכט און ניט געלאַכט איבער אַ דיבוק, דאַמאָלסט האָבן זיך די כאָפּטע בייזע דיבוקים באַשלאָסן אָפּטאָן אין דרויע אַ זאַך.

אַ סימן האָט מען, אַז ס'איז דווקא בעסער צו ריידן, לייענען, לאַכן און שפּילן וועגן אַ דיבוק. דאַמאָלסט וועט זיך אַ ריכטיקער דיבוק ניט וואַגן צוטשעפּענען זיך.

איז מיט די דרויער איצטער געוואָרן אַ קאַפּ ניט=גוט. יושרדיק צי ניט יושרדיק, אַ רעדל מיט דיבוקים האָט באַשלאָסן זיי פאַרטשעפּענען אין דרויע. איין דיבוק מיטן אַנדערן האָט זיך געשושקעט: "מ'עט זיך מיט אָטאָ די ליטוואַקעס דאָרטן אָפּרעכענען".

נאָר דאָס אַלץ וואָס האָט ווייטער פּאַסירט, דאָס איז פונדעסטוועגן גאָר אַן אַנדער מעשה.



דוד טושינסקיס "גוט מאַרגן, שטעטעלע"

(רעפּראָדוצירט פון: יצחק לודען, "פּערל פון גן=עדן", תל אביב 1988, ז. 161).



יאָסל בערגנערס "אַנטפּלעקונג"

(רעפּראָדוצירט פון: יצחק לודען, "פּערל פון גן=עדן", תל אביב 1988, ז. 320).

דרויע אַמאָל